**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/31/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט איבער די לעצטע נייעס פאר ניו יארקער איבער די סטעיט'ס פארשריט מיטן באקעמפן קאוויד-19**

***גאווערנער ערמוטיגט ניו יארקער צו פארזעצן צו נוצן די כלים צו באשיצן פון און באהאנדלען קאוויד-19: וואקסינען, בוסטערס, טעסטינג און באהאנדלונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט איבערגעגעבן פאר ניו יארקער די לעצטע נייעס איבער די סטעיט'ס פארשריט מיטן באקעמפן קאוויד-19, און זי האט אויסגערעכנט די פונדאמענטאלע שריט וואס יעדער קען נעמען זיך צו באשיצן קעגן די פארשפרייטונג פון ווירוס אטעמען-ווירוס אינפעקציעס.

"טראץ די בעפארשטייענדע ווארעמערע וועטערס, מוזן ניו יארקער פארזעצן צו זיין וואכזאם און צו אויסנוצן אלע כלים וועלכע שטייען אונז צום האנט צו האלטן זיך, זייערע באליבטע און זייערע קאמיוניטיס זיכער און געזונט דעם פרילינג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "באקומט די בוסטער שאָט און בלייבט צייטליך מיט אייערע וואקסין דאזעס, מאכט זיכער זיך צו טעסטן בעפארן גיין צו צוזאמקומען אדער בעפארן רייזן, און אויב איר טעסט פאזיטיוו, רעדט צו אייער דאקטאר איבער פאטענציאלע באהאנדלונג אפציעס."

גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער צו אונטערנעמען די געוועגטליכע פארמיידונג מאסנאמען, ווי בלייבן צייטליך מיט די וואקסינען און היטן אויף ריינקייט, כדי זיך צו באשיצן פון קאוויד-19. די גאווערנער זעצט אויך פאר צו שטופן ניו יארקער צו באקומען זייערע 'בייוועילענט' קאוויד-19 וואקסין בוסטערס, וועלכע ארבעטן סיי קעגן די אריגינעלע סארט פון די ווירוס און סיי קעגן וואריאנטן וועלכע דרייען זיך ארום.

צו מאכן אן אפוינטמענט פאר א בוסטער, זאלן ניו יארקער זיך פארבינדן מיט זייער לאקאלע פארמאסי, קאונטי העלט דעפארטמענט אדער מיט א דאקטאר; באזוכן vaccines.gov; שיקן א טעקסט מעסעדזש מיט זייער זיפ קאָוד צו 438829 אדער רופן 1-800-232-0233 צו טרעפן דערנעבנדע לאקאציעס.

די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט זעצט פאר מיט איר 12-וואכיגע קאוויד-19 קאמפיין אויף טעלעוויזיע, סאָושעל מידיע און אויף מוזיק/ווידעאו סערוויסעס צו מוטיגן ניו יארקער אין פארשידענע מעדיצינישע אומשטענדן צו אנערקענען די וויכטיגקייט פון ווערן און זיך האלטן צייטליך מיט די רעקאמענדירטע 'בייוועילענט' בוסטער צו פארמיידן ערנסטע קראנקהייט אדער טויט רח"ל. די מעדיצינישע אומשטענדן רעכענען אריין מענטשן וועלכע זענען 65 יאר אדער עלטער, טראגעדיג, איבערוואגיג, האבן צוקער קראנקהייט אדער ליידן פון א הארץ אדער לונגען קראנקהייט אדער מענטשן וועלכע האבן אן אפגעשוואכטן אימיון סיסטעם.

שטייענדיג בעפאר די פלאנירטע אפלויף פון די פעדעראלע רעגירונג'ס קאוויד-19 פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי אום מאי 11, וועלן די לעצטע קאוויד-19/וואקסין נייעס פון ניו יארק סטעיט פארעפנטליכט

ווערן וועכענטליך יעדע פרייטאג ביז עס וועט געמאלדן ווערן אנדערש. די לעצטע קאוויד-19 און וואקסין ציפערן וועלן ווייטער זיין פארעפנטליכט 24/7 אויף די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט'ס נאכפאלגונג וועבזייטל.

אין צוגאב באטראכט די סטעיט העלט דעפּארטמענט צו מאכן ענדערונגען צו די וועגן וויאזוי קאוויד ציפערן ווערן געזאמלט און באריכטעט, אין צוזאמענארבעט מיט לאקאלע העלט דעפּארטמענטס און העלט קעיר פּראָווידערס, כדי צו פארגרינגערן די לאסט אויף פּראָווידערס און צו אויסנוצן אנדערע אינפארמאציע קוועלער צו פארזעצן מיט אירע מעגליכקייטן צו קענען נאכפאלגן די צושטאנד פון די קראנקהייט און די קאפאציטעט פון די העלט קעיר סיסטעם. די אגענטור בלייבט פולשטענדיג איבערגעגעבן זיך צו אפרופן צו די סכנה פון קאוויד-19, און זי זעצט פאר צו מוטיגן ניו יארקער זיך צו באנוצן מיט די כלים וואס מיר האבן זיך צו באשיצן פון- און באהאנדלען קאוויד-19: וואקסינען, בוסטערס, טעסטינג און באהאנדלונג.

די וועכענטליכע קאוויד-19 ציפערן איז צוזאמגענומען אין קורצן אונטן:

1. **7-טאגיגע דורכשניט פון פעלער פער 100,000** - 5.09
2. **סך הכל פאזיטיווע פעלער אין די לעצטע 7 טעג** - 6,957
3. **טעסט רעזולטאטן באריכטעט איבער די לעצטע 7 טעג** - 291,509
4. **7-טאגיגע דורכשניט פון האספיטאליזירטע פאציענטן** - 1,091
5. **7-טאגיגע דורכשניט פון נייע פאציענטן אין שפיטאל** - 143
6. **7-טאגיגע דורכשניט פון פאציענטן אין ICU** - 126
7. **7-טאגיגע דורכשניט פון פאציענטן אין ICU מיט אינטובאציע** - 52
8. **נייע טויטפעלער באריכטעט אויף HERDS דורך העלטקעיר אנשטאלטן אין די לעצטע 7 טעג** - 70
9. **סך הכל טויטפעלער באריכטעט אויף HERDS דורך העלטקעיר אנשטאלטן** - 62,212

די געזונטהייט עלעקטראנישע אנטווארט ציפערן סיסטעם ( Health Electronic Response Data System, HERDS) איז א מקור פון ציפערן פון די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט וואס זאמלט ציפערן ווי באריכטעט דורך שפיטעלער, נוירסינג היימער און מושב זקנים אנשטאלטן.

1. **סך הכל טויטפעלער באריכטעט צו און געזאמלט דורך די CDC** - 79,181

די טעגליכע קאוויד-19 טויט סערטיפיקאט ציפערן וועלכע ווערן באריכטעט דורך די העלט דעפּארטמענט און דורך ניו יארק סיטי צו די CDC רעכענען אריין די וועלכע שטארבן אין סיי וועלכע ארט, אריינרעכענענדיג שפיטעלער, נוירסינג היימער, מושב זקנים אנשטאלטן, אינדערהיים, אין האספיס קעיר אדער אין אנדערע פלעצער.

1. **סך הכל וואקסין דאזעס געגעבן** - 43,924,150
2. **סך הכל וואקסין דאזעס געגעבן אין די לעצטע 7 טעג** - 18,138
3. **פראצענט ניו יארקער פון 18 יאר און עלטער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - 85.5%

4. **פראצענט ניו יארקער פון 18 יאר און עלטער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** – 90.8%
5. **פראצענט ניו יארקער פון 18 יאר אלט און עלטער וועלכע זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס** - 16.3%
6. **פראצענט ניו יארקער צווישן 12 און 17 יאר אלט וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - 74.6%
7. **פראצענט ניו יארקער צווישן 12 און 17 יאר אלט וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** - 76.4%
8. **פראצענט ניו יארקער צווישן 12 און 17 יאר וועלכע זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס** - 6.6%
9. **פראצענט ניו יארקער צווישן 5 און 11 יאר אלט וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - 40.2 %
10. **פראצענט ניו יארקער צווישן 5 און 11 יאר אלט וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** - 41.1%
11. **פראצענט ניו יארקער צווישן 5 און 11 יאר וועלכע זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס** - 4.0%
12. **פראצענט ניו יארקער צווישן 0 און 4 יאר אלט וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - 8.0%
13. **פראצענט ניו יארקער צווישן 0 און 4 יאר וועלכע זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס** - 8.0%
14. **פראצענט פון אלע ניו יארקער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט** - 76.5%
15. **פראצענט פון אלע ניו יארקער וואס זענען פולשטענדיג וואקסינירט (CDC)** - 80.9%
16. **פראצענט פון אלע ניו יארקער וועלכע זענען צייטליך מיט זייערע וואקסין דאזעס** - 14.2%

יעדע ראיאן'ס 7-טאגיגע דורכשניט פון פעלער פער 100,000 מענטשן:

| ראיאן | דאנערשטאג, מערץ 23 |
|---|---|
| Capital Region | 4.44 |
| Central New York | 5.47 |
| Finger Lakes | 7.43 |
| Long Island | 6.10 |
| Mid-Hudson | 4.93 |
| Mohawk Valley | 3.74 |
| New York City | 4.57 |
| North Country | 6.92 |
| Southern Tier | 5.19 |
| Western New York | 4.52 |
| **אין די גאנצע סטעיט** | **5.09** |

איבער די לעצטע זיבן טעג האבן 6,957 ניו יארקער געטעסט פאזיטיוו פאר קאוויד-19 אין ניו יארק סטעיט, ברענגנדיג דעם סך הכל צו 6,654,966.

ניו יארקער וועלכע ווילן באשטימען א צייט פאר וואקסין אפוינטמענטס פאר 5-ביז-11-יעריגע קינדער ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט זייערע קינד'ס דאקטאר, פאמיליע דאקטאר, קאונטי העלט

דעפּאַרטמענטס, פעדעראַל-קוואַליפיצירטע העלט צענטערס, רוראַל העלט צענטערס, אָדער פאַרמאַסיס וועלכע קענען גיבן דעם וואקסין פאַר קינדער אין די עלטער. עלטערן און גאַרדיענס קענען באזוכן vaccines.gov, טעקסטן זייער זיפּ קאָוד צו 438829 אָדער רופן 1-800-232-0233 צו טרעפן דערנעבנדע וואקסינאציע פלעצער. מאכט זיכער אז די וואקסינאציע פלאץ שטעלט צו די פייזער-בייאָענטעק קאוויד-19 וואקסין, ווייל די אנדערע קאוויד-19 וואקסינען זענען יעצט נאכנישט אויטאריזירט פאר קינדער אין די עלטער.

די סטעיט העלט דעפּאַרטמענט'ס וועבזייטל האט נייע אינפארמאציע, אפט געפרעגטע פראגן און ענטפערס און נאך מקורות ספעציעל געמאכט פאר עלטערן און גאַרדיענס פון קינדער אין די עלטער.

**ראיאנישע וואקסינאציע ציפערן לויט לאקאציע פון פראָוויידער**

די סך הכל צאל ניו יארקער וועלכע זענען וואקסינירט געווארן און באקומען די בוסטער, אויסגערעכנט לויט די ראיאן:

| ראיאן | פולשטענדיג וואקסינירט | צייטליך |
|---|---|---|
| Capital Region | 911,178 | 229,261 |
| Central New York | 616,840 | 149,781 |
| Finger Lakes | 830,708 | 241,627 |
| Long Island | 2,025,884 | 378,686 |
| Mid-Hudson | 1,576,182 | 340,704 |
| Mohawk Valley | 312,128 | 70,099 |
| New York City | 7,485,364 | 1,017,022 |
| North Country | 285,636 | 63,409 |
| Southern Tier | 420,720 | 107,811 |
| Western New York | 914,678 | 231,654 |
| **אין די גאנצע סטעיט** | **15,379,318** | **2,830,054** |

די קאוויד-19 וואקסין נאכפאלגונג דעשבאורד ווערט פארעפענטליכט כדי צו אינפארמירן ניו יארקער איבער די פארטיילונג פון די קאוויד-19 וואקסין. די ניו יארק סטעיט העלט דעפּאַרטמענט פאדערט אז וואקסינאציע פלעצער זאלן באריכטן אלע קאוויד-19 וואקסין אויסטיילונג אינפארמאציע אין פארלויף פון 24 שעה; די דעשבאורד ווערט טעגליך דערפרישט מיט די לעצטע וואקסין אויסטיילונג אינפארמאציע וועגן די סטעיט'ס וואקסינאציע באמיאונגען. ציפערן באריכטעט דורך די ניו יארק סטעיט העלט דעפּאַרטמענט פון די NYSIIS און CIR זענען עטוואס אנדערש פון ציפערן באריכטעט צו די פעדעראלע רעגירונג — וואס רעכנט אריין דאזעס געגעבן דורך די פעדעראלע רעגירונג און אנדערע קליינע אונטערשיידן. ביידע ציפערן זענען פארעפנטליכט אויבן.

**וויכטיגע באמערקונג:** די היינטיגע באריכט רעכנט אריין ציפערן פון פרייטאג, מערץ 24 ביז דאנערשטאג, מערץ 30.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן